# דארפט איר הילף צו באצאלן פאר PrEP?

## פרי-עקספאזשער פראפילעקסיס (Pre-exposure prophylaxis, PrEP) איז א טעגליכע פיל וואס מענטשן נעמען צו פארמינערן זייער זארג איבער באקומען HIV.

### איר קענט טראכטן פון נעמען PrEP אויב איר זענט:

- א געי אדער ביסעקסועלער מאן וואס האט אומבאשיצטע עינעל אינטערקאורס
- א טראנסדזשענדער פרוי וואס האט געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער
- אין א פארבינדונג מיט א HIV-פאזיטיווע פארטנער
- איינער וואס האט קאנדאמלאזע געשלעכטליכע באציאונגען מיט מערערע פארטנערס

### די זעקס פונקט PrEP פראגראם פאר מענטשן וואס זענען HIV-נעגאטיוו רעכענען אריין די פאלגנדע:

- רוטינע HIV טעסטינג
- נעמט איין Truvada פיל, איין מאל א טאג, יעדן טאג
- נוצט קאנדאמס צו פארמיידן געשלעכטליך אריבערגעפירטע קראנקהייטן (Sexually Transmitted Diseases, STD)
- צייטנווייזע STD סקרינינג
- לערנען וויאזוי צו פארמינערן די ריזיקע פון באקומען HIV און געשלעכטליך אריבערגעפירטע קראנקהייטן
- קאונסעלינג און שטיצע פאר נעמען די מעדיצין רעגלמעסיג

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NYS Department of Health, NYSDOH) **פרי-עקספאזשער פראפילעקסיס הילף פראגראם (PrEP-AP)** וועט באצאלן פאר מעדיצינישע אפוינטמענטס און לעב סערוויסעס פאר PrEP אויב איר זענט נישט אינשורירט אדער אונטער-אינשורירט. אבער איר דארפט באקומען די סערוויסעס פון אן איינגעשריבענע PrEP-AP פראוויידער.

**די PrEP-AP פראגראם באצאלט נישט פאר די קאסט פונעם מעדיצין. PrEP-AP איינגעשריבענע העלט קעיר פראוויידערס זענען געפאדערט צו העלפן פאציענטן זיך איינצוגעבן צום דראג פראדוצירער'ס פאציענט הילף פראגראם צו דעקן די קאסט פונעם מעדיצין.**

## PrEP-AP וועט דעקן די פאלגנדע סערוויסעס אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו:

- HIV טעסטינג
- קאונסעלינג אויף אויספאלגן און קלינישע באאבאכטונג
- STD טעסטינג
- שטיצנדע קעיר סערוויסעס אין איינקלאנג מיט'ן ניו יארק סטעיט'ס HIV קלינישע אנווייזונגען (HIV Clinical Guidelines)

**געדענקט, דער פראוויידער מוז זיין איינגעשריבן מיט PrEP-AP כדי די סערוויסעס זאלן ווערן געדעקט.**

## ווי אזוי שרייב איך זיך איין אין PrEP-AP?

- אויב איר זענט נישט אינשורירט אדער אונטער-אינשורירט, קענט איר זיך איינשרייבן פאר PrEP-AP נוצנדיג די זעלבע איינשרייבן בויגנס ווי די HIV נישט אינשורירטע קעיר פראגראמען/ADAP וועלכע מען קען טרעפן אויף www.health.ny.gov/diseases/aids/resources/adap/index.htm.
- איינגעשריבענע פראוויידערס קענען אריינגעבן קלעימס פאר אלע געדעקטע סערוויסעס צו די PrEP-AP פראגראם.
- א PrEP-AP האטליין איז אוועילעבל אייך צו העלפן מיט דער איינשרייבן פראצעדור און הילף צו באקומען צוטריט צו פארצווייגטע העלט קעיר דעקונג. רופט 1-800-542-2437.

## הילפסמיטלען

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט PrEP**
**(New York State Department of Health, NYSDOH)**
www.health.ny.gov/diseases/aids/general/prep/

**NYS PrEP פראוויידער דיירעקטארי:**
www.health.ny.gov/diseases/aids/general/prep/provider_directory.htm

**HIV Prevention Just Got Easier:** www.prepforsex.org

**ניו יארק סטעיט HIV האטליינס:** 1-800-541-AIDS אדער 1-800-233-7432 (ספאניש)

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און גייסטישע היגיענע**
**PrEP (New York City Department of Health and Mental Hygiene):**
www.nyc.gov/html/doh/html/living/prep-pep.shtml

**צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג**
**(Centers for Disease Control and Prevention)**
www.cdc.gov/hiv/prevention/research/prep/

NEW YORK STATE | Department of Health